STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02773

DI YIDISHE NATSYONALE HEYM UN IHRE KRITIKER

Alfred Moritz Mond Melchett

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די
אידישע נאציאנאלע היים און איהרע קריטיקער.

רעדעס אין אקספארד

פון סער אלפרעד מאנד
ענגלישער קאבינעט־מיניסטער
און דר. ח. וויצמאן
פרעזידענט פון דער אלוועלטליכער ציוניסטישער ארגאניזאציע

1922

קרן־היסוד, צענטראל ביורא, 75, גרייט ראסעל סטריט,
לאנדאן וו. ס. I

די
אידישע נאציאנאלע היים און איהרע קריטיקער.

רעדעס אין אקספארד

פון סער אלפרעד מאנד
ענגלישער קאבינעט־מיניסטער

און דר. ח. וויצמאן
פרעזידענט פון דער אלוועלטליכער ציוניסטישער ארגאניזאציע

1922

קרן־היסוד, צענטראל ביורא, 75, גרייט ראסעל סטריט,
לאנדאן וו. ס. I

דעם 25־טען פעברואר איז אין אקספארד — אינ׳ם „ציון״ פון ענג־לאנד — פארגעקומען א ציוניסטישע פארזאמלונג, וועלכע איז פאר־אנשטאלטעט געווארען דורך דעם לאקאלען ציוניסטישען אוניווערזיטעטס־פאראיין. סער אלפרעד מאנד, מיניסטער אין ענגלישען קאבינעט און פרעזידענט פון ציוניסטישען ווירטשאפטס ראט, און ד״ר ח. וויצ־מאן, האבען אויף דער דאזיגער פארזאמלונג געהאלטען רעדעס, אין וועלכע זיי האבען באהאנדעלט די פאליטישע און עקאנאמישע פראגען פון ארץ־ישראל און געענטפערט אויף די לעצטע אנגריפען געגען ציוניזם אין דער נארטקליף־פרעסע. דער גייסטליכער, פראפעסאר א. דז. קארלייל איז געווען פארזיצענדער און אויף דער טריבונע האבען זיך געפונען פארשטעהער פון פארשיידענע הויך־שולען.

דער פארזיצענדער האט געעפענט די פארזאמלונג מיט פאלגענדע ווערטער:

כ׳וועל קודם־כל לייענען א פאר בריעף פון די, וואס האבען ניט געקענט קומען. פראפ. גילבערט מורי שרייבט, אז עס טוט איהם זעהר לייד, וואס ער קאן ניט זיין אנוועזענד, און זאגט: „איך גלויב, זעהענדיג די שטארקע און ניט שטענדיג עהרליכע פראפאגאנדא, וואס געוויסע מחמדאנישע פאראיינען פיהרען אן אין ענגלאנד, אז דער ציוניסטישער מצב אין א״י וועט פארזיכטיג ערקלערט ווערען. די רע־גירונג האט פאר זיך א שווערע אויפגאבע, אבער זי האט איהרע שוועריג־קייטען באגעגענט ניט נור מיט פולער אויפריכטיגקייט, נאר אויך מיט געשיקטקייט״. קאמאנדיר קענווארטהי ווינשט אין זיין בריעף דער פארזאמלונג פולען ערפאלג. צווישען אנדערע זענען אויך ערהאלטען געווארען ענטשולדיגונגס־בריעף פון פארשיידענע מענשען, וואס האבען צום אווענד ניט געקאנט קומען, צווישען זיי די דעפוטאטען מר. מאריאט און סער טשארלס אמאן, רעווערענד דר. זעלבי, דער רעקטאר פון מאנספיעלד הויכשולע; פר. וואגעס; רעווערענד דר. דזשעקס, רעקטאר פון מאנשעסטער הויכשולע; רעוו. דר. לאק פון קרייסטשערטש הויכ־שולע; מר. י. ל. סמאקס פון סט. דזשאהנס הויכשולע; און רעוו. דר. לייהטאן פולאן און אנדערע.

די סעקרעטארען פון היינטיגען מיטינג האבען מיך אויפגעפאדערט צו זיין פארזיצענדער. מיין איינציגע רעכט דערצו איז פון אַ מאַן וואס גיעט זיך אב כמעט אין גאנצען מיט היסטאריע און פיהלט, אז דאס וואס די באוועגונג שטעלט מיט זיך פאר מוז אפעלירען באמת צו יעדען, וואס האט א ברעקעל פארשטעלונג וועגען געשיכטע. איך גלויב ניט, אז אין דער געשיכטע איז פאראן עפעס א ריכטיגער פארגלייך, וואס זאל אזוי אפעלירען צו אונזער חוש פון טרייהייט, איבערגעבענהייט און סאלידאריטעט, ווי די אנגעבונדענקייט פון אידען, אין משך פון הונ־דערטער יאהרען, צו די זכרונות און אידעאלען פון זייער פאלק. איך גלויב ניט, אז אין דער געשיכטע איז פאראן עפעס, וואס מ'זאל קענען פארגלייכען מיט דעם רעקארד פונ'ם אידישען פאלק אין משך פון אט די אכצעהן הונדערט יאהרען; א פאלק, קודם־כל, וואס איז קליין אין צאהל, אבער וואס האלט זיך פעסט ביי זיינע נאציאנאלע טראדיציעס אונטער אומשטענדען פון אונענדליכע שוועריגקייטען און ארבעט, און פון כמעט אונענדליכע קרבנות. די געשיכטע פון דער אידישער ראסע אין משך פון די לעצטע אכצעהן הונדערט יאהר איז ניט לשבח דער מערב'דיגער ציוויליזאציע. דאס איז ניט קיין שבח פאר מערב'דיגע פעלקער, וואס זיי אונטערשאצען די יעניגע, וועלכע רעפרעזענטירען אזא גרויסע טראדיציע, וואס א סך פון אונז מיינען, אז די אידן האבען זי מעהר אדער ווייניגער פארגעסען, אבער וואס בלייבט נאך אין אמת'ן דער תוך און דער עצם פון זייער אייגענער אמונה און שטרעבונג. ס'איז אונגלויבליך, אז עמיצער זאל ניט פארשטעהן די וויכטיגקייט פון די באציהונגען צו אט דעם פאלק. קיין זאך אין דער מענשליכער געשיכטע איז ניט גרעסער אין זיין אנגעבונדענקייט, געדולד און ענטשלאסענהייט, ווי די געשיכטע פונ'ם אידישן פאלק; פארשטייסען, ווי זיי זיינען אפט געווען, כמעט פון יעדער אייראפעאישער נאציאן, פארפאלגט און געטראטען כמעט פון יעדען פאלק אין דער מערב־וועלט, האבען זיי, פונדעסטוועגען, אויפגעהאלטען די אייגענארטיגקייט פון זייערע טראדיציעס און פון זייער טעמפעראמענט. איך גלויב, אז יעדער מוז פיהלען, אז דער אידעאל פון אט דעם גרויס, אונענדליך געדולדיג און ארבייטזאם פאלק, וואס שטעלט צו צו דיענסט פאר דער גאנצער אייראפעאישער ציוויליזאציע אזוי פיל נעמען, וואס שיינען אין יעדען צווייג פון מענשליכער טעטיגקייט איז אויפשטעלען זייער נאציאנאלען

צענטער, ארום וועלכען זייערע לעבענס און טראדיציעס וואלטען זיך געקענט אנטוויקלען און זיך אויפהאלטען. די פיהרער פון דער רעגירונג אין אונזער אייגען לאנד, מיט דער הסכמה פון די אנדערע גרויס־מעכטע, מיט וועלכער זיי זענען פארבונדען, האבען זיך ערקלעהרט גרייט און וויליג צו אונטערשטיצען די אנטוויקלונג פון אזא נייעם סדר און לעבענס־פרינציפ אינ'ם מזרח פון מיטלענדישען ים. מיר האבען זיך געטראפען היינט אווענד ניט צו מאכען פראפאגאנדא פאר א גע־וויסע אנשויאונג, און ניט אפילו צו אויפווייזען א געוויסע ארבייטס־ריכטונג, נאר וויל מיר פיהלען, אז אונטער די אומשטענדען און באַ־דינגונגען פונ'ם מאמענט, האט דאס ענגלישע פאלק אויף זיך גענומען א ראָלע, וואס וועט פארפאלקאמט ווערען דורך דער גרויסער אידישער נאציאן, און וואס מיר און זיי באטראכטען אלס א זאך פון דער העכסטער וויכטיגקייט. ס'איז נויטיג אין דער איצטיגער צייט, אז דאס ענגלישע פאלק אין פארשיידענע ערטער איבער'ן גאנצען לאנד זאל ווערען אינפארמירט וועגען דעם אמת'ן כאראקטער פון די אומשטענדען, וואס איז געטון געווארען, וואס ווערט געטון און וואס ווערט פאר־געשלאגען, אז ס'זאל געטון ווערען. איך ערלויב מיר דערפאר צו באַ־גריסען סער אלפרעד מאנד און דר. וויייצמאן, וואס קענען אונז גענוי אינפארמירען וועגען אט די דריי פונקטען.

סער אלפרעד מאנד'ס רעדע.

הער פארזיצענדער, מיינע דאמען און הערען!

דאס איז מיין ערשטע געלעגענהייט צו אדרעסירען א פארזאמלונג אין דעם דאזיגען היסטארישען צענטער פון וויסענשאפט און קולטור. אונגליקליכער אדער גליקליכער ווייזע בין איך א תלמיד פון קעמברידזש און איך האלט עס פאר א גרויסען קאמפלימענט צו אייגעלאדען ווערען רעדען פאר א פארזאמלונג אין דער שוועסטער־אוניווערזיטעט.

איך וויל מאכען א הקדמה און ערקלעהרען, אז איך רעד ניט אלס מיניסטער פון זיין מאיעסטעטס רעגירונג, נאר אלס א איד, וועלכער איז געבוירען געווארען אין דיזען לאנד און איז שטאלץ אויף זיין בריטישער נאציאנאליטעט, איבערגעגעבען מיטן גאנצען

הארצען צום לאנד, וואס האט אין משך פון הונדערטער יאהרען געגעבען, א דאנק איהר ליבעראלער פאליטיק, יעדע געלעגענהייט צו מיטגליעדער פון אונזער ראסע מיטצווווירקען אינ'ם נאציאנאלען לעבען. א מיטווירקונג, וועלכע איך דענק, איז שטענדיג געווען מיט דער העכסטער איבערגעבענהייט. איך רעד פאר אייך אלס איינער, וועלכער האט געקענט זיך ניט אינטערעסירען מיט דער פראגע, וואס מיר באהאנדלען היינט אוועגד, גלייך ווי אנדערע טוען עס, אויפן סמך, וואס דאס איז א ענין, וואס האט מיט זיי קיין שייכות ניט אדער עס ליגט אויסער זייער פערזענליכער טובה; אויפ'ן סמך וואס זיינע אינטער־עסען ליגען אנדערשוואו, און דאס אינטערעסירן זיך מיט דיזער פראגע קען זיי פאראורזאכען פערזענליכע אונאנגענעהמליכקייטען. איך וואלט זיך באטראכטען אלס פייגליגג, וועלכער איז ניט ווערט זיין בירגערטום, אויב איך וואלט אזוי האנדלען. די אידישע ראסע מוז אינטערעסירען די יעניגע, וואס האבען דעם כבוד צו געהערען צו איהר. דער גורל פונ'ם אידישען פאלק אין דער גאנצער וועלט קען ניט איבערלאזען אידישע הערצער גלייכגילטיג, און דאריבער האב איך, זייט דעם באשלוס פון דער רעגירונג אין 1917, ווען מר. באלפור האט ארויסגעלאזט זיין באריהמטע דעקלעראציע, געפיהלט מיין חוב אלס א בריטישער בירגער און אלס א איד צו שטיצען די דאזיגע פאליטיק מיט אלע כחות.

ס'איז אפשר ניט אונצוועקמעסיג נאך די סך ערקלעהרונגען, וואס, ווי איך זעה, זיינען געמאכט געווארען אין פארשיידענע טיילען פון דער פרעסע, צו דערמאנען דיזער פארזאמלונג וועגען דער געשיכטע פון דער באלפור־דעקלעראציע און זיך אפשטעלען אויף א מאמענט, וואו מיר האלטען דערמיט. איך קען זאגען, אז איך בין אין קיין זין ניט פאראנטוואורטליך פאר דער באלפור־דעקלעראציע. מר. באלפור האט אין זיין בריעף צו לארד ראטשילד דעם 2־טען נאוועמבער 1917 ערקלעהרט אינ'ם נאמען פון דער בריטישער רעגירונג, אז די בריטישע רעגירונג איז גרייט צו גרינדען אין פאלעסטינא א אידישע נאציאנאלע היים, וואו אידען זאלען קענען אנטוויקלען זייערע אייגענשאפטען, פריי זיך צו פיהרען לויט זייער רעליגיע, אונגעשטערטערהייט פארשפרייטען זייער קולטור און אויך פיהרען א רוהיג לעבען, אבער מיט דעם נויטיגען תנאי, אז דאס זאל בשום אופן ניט שטערען די רעליגיאנען אדער די

ציווילע רעכט פון אנדערע געמיינדען, וועלכע לעבען אין פאלעסטינא אדער וועלכע קענען אהין אנקומען יעדע צייט.

דיעזע דעקלעראציע איז געווען, לויט מיין מיינונג, א גרויסער מלוכה׳שער אקט און איז כאראקטעריסטיש פאר׳ן גרויסען מאן, וואס האט זי געמאכט, איינער פון די גרעסטע בריטישע שטאאטס־מענער אין אונזער צייט. עס האט געהאט אן ענטשיידענעם און באלדיגען עפעקט צו געווינען אין זעהר א גרויסער מאס אויפ׳ן צד פון די פארבינדעטע מלוכות אין מיטען דער גרויסער מלחמה די אידישע סימפאטיע צווישען די פעלקער פון דער גאנצער וועלט, און הגם איך וויס, אז א סך קענען טראכטען, אז די סימפאטיע איז קיין סך ניט ווערט געווען פאר דער מעכטיגער אימפעריע, וועל איך אייך דער־מאנען, אז נאך די אירלענדער, איז די נאהענטע גרעסטע פרעמדע באפעלקערונג אין אמעריקע — די אידישע, און אז די סימפאטיע און שטיצע אין יענער צייט פון א גרויסער איינפלוסרייכער געמיינדע איז ניט געווען אהן א ווערט, ווען די אמעריקאנער האבען זיך פאראייניגט מיט די פארבינדעטע אין דער מלחמה. דיעזע סימפאטיע האט זיך ניט אויסגעדריקט אויף א שאבלאנעם אופן. טויזענטער אידען אין פאלעס־טינא, אין אמעריקא און אין אנדערע ערטער האבען זיך אנגעשלאסען אין דער בריטישער ארמעע און האבען געקעמפט; אנ׳ערך פון פיער טויזענד זיינען אריין אין די רייהען פון די באטאליאנען, וועלכע האבען זיך גערופען „מאקאבעער“, האבען אנטייל גענומען אין די שלאכטען. ווען איך בין געווען אין אמעריקא האב איך באגעגענט אידען, וועלכע האבען געקעמפט און געבלוטיגט אין דער גרויסער מלחמה. ווען מענשען מאכען א פארשלאג, אז יעדע הבטחה, וואס איז געגעבען געווארען אין יענער צייט איז בלויז

„א שטיקעל פאפיר“,

אז די דאזיגע פאליטיק זאל אבגעשאפט ווערען; א פארשלאג, וואס קומט פון מענשען, וועלכע האבען אפילו קיין קליינעם פינגער ניט אויפגעהויבען צו העלפען, איז כדאי זיך אפשטעלען דערויף אויף איין מאמענט, כדי צו וויזען, ווי ניט יושר׳דיג אזא האנדלונג וואלט געווען. די באלפור דעקלעראציע איז עפענטליך באשטעטיגט געווארען דורך דער פראנצויזישער רעגירונג, דורך דער איטאליענישער רעגירונג, דורך דעם פרעזידענט ווילסאן אינ׳ם נאמען פון אמעריקא, און באקומען אויך

די צושטימונג פון דער מצרים־רעגירונג. אויף אזא אופן האבען אלע פאראייניגטע מלוכות געמאכט די דאזיגע דעקלעראציע פאר זייער פאליטיק און דאס איז א וויכטיגער פאקט צו מערקען. דעם 27־טען פעברואר 1918, ווען די ציוניסטישע פיהרער האבען אפעלירט צום אויבעררעט אין ווערסאל און האבען דארט א טיעפען איינדרוק גע־מאכט, אין יענער צייט האט זיך אין ווערסאל געפונען אנ׳אנדער דעלעגאציע — דער קעניג פייזעל מיט זיינע הויפט־יועצים, וועלכער האט תיכף פארעפענטליכט א דעקלעראציע, אז ער און זיינע קאלעגען זיינען אין פולען באקאנט מיט די ציוניסטישע פארשלאגען, וואס זיינען געמאכט געווארען פאר דער שלום־קאנפערענץ, און באטראכטען זיי אלס מעסיג און ריכטיג. דער קעניג פייזעל, וועלכער איז איצט קעניג פון דער אראבישער מלוכה, האט מעהר רעכט צו אויסדריקען די אנ־שויאונגען פון די אראבער, ווי די צאל הערען, וועלכע זיינען אויס־געקליבען געווארען פון א קאנפערענץ, וואס פארטרעט קיינעם ניט. אין אפריל 1920 איז פארגעקומען א זיצונג פונ׳ם אויבערראט און ס׳איז דעמאלט באשלאסען געווארען, אז א מאנדאט פאר פאלעסטינא זאל איבערגענעבען ווערען צו ענגלאנד. דעריבער קענען מענשען ניט קומען און זאגען: „לאמיר מבטל מאכען די דאזיגע פאליטיק“. די דאזיגע פאליטיק איז א טייל פון היילינען אבמאך, א טייל פונ׳ם שלום־אבמאך, א טייל פון דער פאליטיק פון די פארבינדעטע מלוכות, און איז שטארק און אונענדערבאר ווי יעדער אנדערער חלק פון יעדע אבמאכן. די זאך האלט שוין ווייטער פון דיזער שטופע: דער מאנדאט איז פאר־פאסט און ניט נאר פארפאסט, נאר ער איז אין די הענד פון דעם ראט פון דער נאציאנען־ליעג, און דאריבער איז די זאך שוין זאגאר ארויס פון רשות פון די פארבינדעטע מלוכות אין א העכערער אינס־טאנציע — די נאציאנען־ליעג, און הגם ס׳איז גאנץ ריכטיג, אז דער מאנדאט איז ניט באשטעטיגט געווארען דורך דער ליעג, דאך האט דער ראט פון דער נאציאנען־ליעג אפיציעל מיטגעטיילט דער בריטישער רעגירונג, אז זיי ווינשען, אז זי זאל פארטזעצען צו פארוואלטען איבער פאלעסטינא לויט די פונקטען פונ׳ם מאנדאט. עס זיינען פאראן

צוויי מינים פאליטיק,

מיט וועלכע מ׳קען אפערירען: איינע איז אבצוהיטען דעם מאנדאט און די אנדערע איז אוועקלייגען דעם מאנדאט צו די פיס פון דער

נאציאנען־ליגע, און בעטען אנ׳אנדער מאנדאט. אויב ענגלאנד וועט דאך פארבלייבען אין פאלעסטינא, דאן צופאלט די גאנצע טהעאריע און דאקטרינען פון מאנדאטען. דער מאנדאט וועט דאן זיין ניט קיין אנדער זאך, ווי א פארשטעלטער מיטעל פאר אנ׳אנעקסאציע. דער מאנדאט איז געגעבען געווארען אויפ׳ן סמך פונ׳ם באשטימטען צוזאג׳ אז די אידישע נאציאנאלע היים זאל דארט געשאפען ווערען, און איהר קענט ניט שאפען א היים ביז איהר ערלויבט די אידען צו געהן אהין.

איך קען אפען זאגען, אז ס׳זיינען פאראן אנדער׳ע פעלקער אויסער בריטאניע, וועלכע וואלטען קענען באקומען דעם מאנדאט פאר פאלעס־טינא. בריטאניע איז ניט געוועזען דאס איינציגע פאלק, וואס איז געוועזען ביכולת איבערצונעמען דעם מאנדאט. עס זיינען פאראן אנדערע פעלקער, וועלכע וואלטען שטאלץ געוועזען איבערצונעמען דעם מאנדאט, איג׳ם גייסט פון דער באלפור־דעקלעראציע. אבער די אידען האבען זיך פארלאזט אויפ׳ןווארט פון דער בריטישער רעגירונג און אויפ׳ן ווארט פון דעם בריטישען פאלק און זיי האבען געבעטען, אז דער מאנדאט זאל איבערגעגעבען ווערען צו ענגלאנד. דער פאקט זאל ברייט באקאנט ווערען און ברייט פארשטאנען ווערען, ווייל אויב דאס בריטישע פאלק באשליסט, אז דער מאנדאט איז א צו שווערע משא און איז אין קאנפליקט מיט זיינע אינטערעסען, דארף עס תיכף זיך אפטרייסלען פונ׳ם מאנדאט פאר דער פארזאמלונג פון דער נאציאנען ליגע און אויסגעפינען אויב ס׳איז דא אנ׳אנדער מלוכה, וואס וועט דעם מאנדאט איבערנעמען. איך זעה ניט, אז די רעגיערונג זאל האבען די קלענסטע כונה צו אפנייגען זיך אויף וועלכען ס׳איז אופן פונ׳ם מאנ־דאט, און יענע וואס גלויבען, אז ביי יעדע פוסטע פויקעריי, דורך שרעקענדע טעלעגראמען, וואס זיינען באזירט אויף אינפארמאציעס, געזאמעלטע נאך א איילענדיגען וויזיט פונ׳ם „אלהעכסטען“ (געלעכטער), וועלכער האט טעלעגראפירט אין פינף מינוט זיינע אינסטרוקציעס, וואס דיעזעס לאנד זאל טון, אז די בריטישע רעגירונג און דאס בריטישע פאלק דארפען זיך צוריקציהען, קענען ניט וויסען די אמת׳ע פאקטען*).

מיט עטוואס מעהר פון א יאהר צוריק האב איך געהאט דאס

---

*) געמיינט לארד גארטקליף.

פארגעניגען צו פארברייינגען א קורצע צייט אין פאלעסטינא. איך בין דארט געווען בלויז דריי וואכען און איך רעכען, אז איך האב געזעהן דעם גרעסטען טייל פון לאנד, אבער איך פרעטענדיר ניט, געוויינליך, צו רעדען מיט דער אויטאריטעט פון איינעם, וואס האט דארט פאר־בראכט 48 שעה (געלעכטער). אויספארשענדיג די פראבלעמען ווען איך בין געפאהרען קיין פאלעסטינא האב איך זיך געוואונדערט אויב ס'וועט מעגליך זיין עפעס אויפטון אין דיזען לאנד, אויב די גאנצע אידעע איז ניט מעהר ווי א שענער ציוניסטישער חלום; איך האב גע־טראכט, אויב ס'איז דארט פאראן אירגענד וועלכע עקאנאמישע מעגליכ־קייט, אויב אירגענד וועלכעס פאלק קען לעבען אין יענעם לאנד, אויב ס'איז ווירקליך כדאי עס צו באפעלקערען אויפסנויי און וואס פאר א באדינגונגען עס וועלען דארט עקזיסטירען. איך בין אהין געפאהרען גאנץ גרייט צו קומען צו דער איבערצייגונג, אז ציוניזם איז א אומ־פראקטישער, נארישער חלום. מאנכע מענשען האבען מיר געזאגט, אז דאס לאנד איז ניט מסוגל אויפנעמען מענשען, פרוכטלאז און נוצלאז. ווי מאנכע פון אייך וויסען, האב איך פארבראכט א היבשען טייל פון מיין לעבען אין א ניט אונערפאלגרייכער ביזנעס קאריערע און מיין מיינונג איז דעריבער אפשר עפעס ווערט. איך האב געפונען פאלעסטינא א סך מעהר א מיטעללענדיש לאנד אלס א מזרח לאנד. עס האט מיך היבש דערמאנט אין סיציליע און אין דרום־שפאניען מעהר ווי אלזשיר, וועלכע איך קען. עס איז הויפטזעכליך

א לאנד פאר מענשען פון דער ווייסער ראסע.

א גרויסער טייל פון לאנד איז פארנאכלעסיגט געווארען אין משך פון הונדערטער יאהרען. ס'איז אזוי ווי א גרויסער גוט־באזיץ, וועלכער איז אפגעלאזען געווארען. דאך האבען די ארבייטען, וואס האבען זיך דארט אנגעהויבען, באוויזען זעהר שנעל, אז דארט איז א גרויסע צו־קונפט פאר א היבשער באפעלקערונג צו לעבען פון ערד־ארבייט, צו קולטיווירען דעם באדען, צו לעבען א גליקליך לעבען אין איינע פון די שענסטע לענדער, וועלכע איך האב ווען עס איז געהאט די פריווי־לעגיע צו באזוכען. איהר פאהרט איצט קיין פאלעסטינא, וועט איהר דארט געפינען עלעמענטארע שולען, מיטעל־שולען אדער גימנאזיעס, טעכנישע און קונסט־שולען, אלע גוט באזארגט מיט לעהרער און גרויסע

צאהלען תלמידים. איהר וועט זעהן, אז דאס געלד פאר אויסהאלטען די שולען ווערט געזאמעלט דורך אידען אין אלע וועלט־טיילען. אויב איהר פאהרט איצט אין פאלעסטינא, וועט איהר געפינען ווי געוויסע שפיטאלען זיינען אפען פאר די נוצן פון אלעמען, און אויב איהר וועט זיך נאכפרעגען וועגען דער מעדיצינישער הילף, וועט איהר זיך דער־וויסען, אז דאס איז א אידישע מעדיצינישע הילף אויפ'ן חשבון פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. אויב איהר וועט פאהרען קיין פאלעס־טינא, וועט איהר קענען זעהן די אגריקולטור־שולע, וואו אלערליי פארשונגען ווערען געמאכט. דאס איז געשאפען דורך דער אידישער קהלה אין פראנקרייך מיט א סך יאהרען צוריק. איך וואלט אייך גע־קענט ווייזען גרויסע שטחים לאנד, וואו פריהער האט דארט גארניט געקענט וואקסען. געהט אבער אביסעל ווייטער און איך וואלט אייך געוויזען גרויסע וויינגערטנער מיט א שטארקער, געזונטער באפעלקערונג, יונגע לייט וואס רייטען אויף פיינע פערד, — אימיגראנטען פון רוסלאנד; אויף אמאליגע חורבות וואקסען איצט אראנזשען. און אויך אנדערע שטחים לאנד זיינען פארוואנדעלט אין וויינגערטנער, ווי אין די צייטען, ווען פאלעסטינא איז געווען א לאנד, וואו מילך און האניג האט זיך געגאסען. אויב איהר נעמט אוועק פון פאלעסטינא די אידישע אגרי־קולטור, וועט איהר געפינען, אז דאס לאנד איז אויף הונדערטער יאהרען הינטערשטעליג.

די דאזיגע ארבייטען זיינען דורכגעפיהרט געווארען דורך אידען אונטער גרויסע שוועריגקייטען. זינט די בריטישע אדמיניסטראציע האט איבערגענומען די השגחה איבער א"י איז דער שנעלער פראגרעס עהנליך צו די מערב־לענדער. און דאך פרעגט מען „איז דאס ווערט אז מ'זאל דאס לאנד אויפבויען?"

ס'איז ווערט

ניט בלויז אין די אינטערעסען פון דער אידישער ראסע, נאר אין די אינטערעסען פון דער גאנצער מענשהייט. ס'איז שוין אריבער די צייט, ווען עמיצער זאל קענען פאדערען, אז גרויסע גיטער זאלען בלייבען חרב, ווייל די איינוואוינער זיינען צו אונוויסענד אדער צו פויל זיי צו באארבייטען. אין דער צייט פון יוסיפוס האט א"י געקאנט אויסהאלטען א באפעלקערונג פון א מיליאן. איצט קען פאלעסטינא אויסהאלטען א באפעלקערונג פון דריי אדער פיער מיליאן פלייסיגע מענשען אין

קליינע ישובים, פראדוצירענדיג ־זאכען, וועלכע זיי וואלטען קענען טוישן מיט אונז, וועלכע נויטיגען זיך אזוי שטארק אין עקספארט־מארקען. דאס בריטישע פאלק האט גערייזט ביז די ברעגען פון דער וועלט. זיי האבען אנטוויקעלט גרויסע טעריטאריעסביים שטילען ים, אין צפון־אמעריקא און אין אלע טהיילען; מיט ענערגיע און פלייס האבען זיי אויפגעבויעט א גרויסע מלוכה וואס מיר אלע פארעהרען און ליבען. וואס פאדערען מיר דען? מיר ווילען קיינעם ניט אונטער־דריקען. ווער האט וואן געהערט, אז אידען זאלען ווע‏מען פארפאלגען אדער אבנעמען פון וועמען זייער באזיץ? מיר האבען געמוזט קויפען פאר גאנץ הויכע מקחים יעדען אקער לאנד, וואס מיר אידען באאר־בייטען. די אידען ווילען זיך ניט מישען אין די רעליגיעזע דינים אדער מנהגים פון אירגענד וועלכען לאנד. זיי ווילען נאר, אז מען זאל זיי דארט לאזען וואוינען, בכדי צו קענען ביסלעכוויוז צוריק אויפבויען די היים, פון וועלכער זיי זיינען מיט אכצעהן הונדערט יאהר צוריק פאר־טריבען געווארען; אויפבויען די שטאדט, אין וועלכער זיי האבען נאך אויך איצט א מעהרהייט פון דער באפעלקערונג. איך דארף ניט אויפ־ווייזען פאר אן עולם אין אקספארד וועגען דער פראגע צי א"י איז אדער איז ניט די אלטע היים פון דער אידישער ראסע. אפשר זענען דא אזעלכע, וואס ווייסען ניט און וואס נעמען ערענסט די באהויפטונג, אז א"י איז ניט די היים פון דער אידישער ראסע. זיי ווייסען ניט, אז דאס זענען געווען די אידען, וואס האבען פון דעם בארג סיני געזעהן דאס פארשפראכענע לאנד. זיי ווייסען ניט ווער עס האט געבויט שלמה המלך'ס בית המקדש, ווער די מאקאבייער זענען געווען, וועלכע האבען זיך מוסר נפש געווען פאר דער הייליגער שטאדט! ווער קען האבען די חוצפה — דאס איז דאס איינציגע ווארט וואס איך קען באנוצען — צו ערשיינען אין דער עפענטליכקייט און באהויפטען, אז דאס לאנד, וואס האט פיגורירט אין דער גרעסטער געשיכטע פון אלע צייטען, געהערט ניט צו אידען, און צו פארקלענערן דאס רעכט פון אידישען פאלק אויף זיין לאנד? ווער קלאגט ביים כותל מערבי? וועגען וואס טראכט איהר בעת איהר שטעהט אויפ'ן הר הכרמל, אויב ניט פון אליהו הנביא? דאס גאנצע לאנד איז דורכגעוועבט מיט דער געשיכטע פון אידענטהום און מ'קען אויך זאגען פון קריסטענטהום. יעדער שטיין אפעלירט צו אייך. איהר קענט דאך ניט דיינקען וועגען

ירושלים, וועגען עזה אדער יפו אהן דערביי צו טראכטען וועגען די אידען. איך קום איצט צו

דער אראבישער פראגע

און איך וויל זאגען: ס'איז ניטא קיין סבה פארוואס עס זאלען זיין צאנקערייען צווישען דעם אראבער און דעם אידען. זיי זיינען צווילינגס, געבוירען פון דערזעלבער סעמיטישער ראסע. די ערשטע אידישע אבות האבען געלעבט אין מדבר ווי די בעדואינען. זיי זיינען צווילינגס אין קולטור און אין ראסע, און מיר האבען ניט קיין גרעסערע וואונשן ווי די, אז זייער נאציאנאלער געבורטה און ווידערגעבורטה זאלען זיין מיט אזוי פיל הצלחה און ערפאלג, ווי מיר ווינשען פאר אונז אליין אין א"י. מיר ווילען גערן מיטהעלפען. ס'איז פאראן ארט פאר אלע קולטורען, אלערליי אנטוויקלונגען, סיי אין פאלעסטינא און סיי דורכ־אויס אין די גרויסע אראבישע טעריטאריעס, פון וועלכע פאלעסטינא איז ניט מעהר ווי א טראפען אין ים. וואס זיינען די טענות, וואס ווערען געמאכט? איך האב געהערט מאנכע פון זיי. מ'דערציילט, אז די ציוניסטישע ארגאניזאציע אונטערדריקט די איינגעבארענע באפעלקע־רונג. איך קען די ארבייטער וואס זיינען דארט, וואס מאכען ציגעל אהן שטרוי; וואס ווילען ניט מעהר, ווי מ'זאל זיי לאזען טוען זייער ארבייט אונגעשטערט. זיי זיינען גאנץ אונפעהיג צו רודפ'ען עמיצען. מ'זאגט אונז, אז די ציוניסטען ווילען באהערשען דאס לאנד, ניט קוקענדיג, וואס דאס לאנד ווערט געהערשט פון דער ענגלישער רע־גירונג, דורך אן אדמיניסטראטאר, א אויסגעצייכענטער מיטגליד פון דיעזער אוניווערזיטעט, סער הערבערט סאמועל, וועלכער האט אב־געשניטען זיין פאליטישע קאריערע דא אין לאנד, בכדי צו אדמיניס־טרירען פאלעסטינא. אויב ס'איז דא נעגען איהם וואס פארצוואווארפען איז דאס, וואס ער איז גענייגט מעהר אויפ'ן צד פון די אראבער ווי צו זיין אייגען פאלק. צו זאגען, אז די אראבער ווערען אונטערדריקט און אז דאס לאנד ווערט פארפלייצט פון אונגעוווינשטע אימיגראנטען, איז נאר צו שפילען אויף די תמימות פון ענגלישען פאלק. ס'איז אמת, אז א גרויסע צאל פון די איינוואנדערער קומען פון רוסלאנד. דאס איז ניט אונגאטירליך. זיי זיינען די איבערגעבליבענע פון א פאלק, וואס האבען געזעהן, ווי זייערע פאטערס און מוטערס זייגען דער'הרג'עט געווארען פאר זייערע אויגען; זיי האבען אויך געזעהן,

ווי זייערע מוטערס און שוועסטער זיינען געשענדעט געווארען. איך האב אליין געזעהן די דאזיגע איינוואנדערער און האב גערעדט מיט זיי. איך האב זיי געזעהן ביי דער ארבייט. זיי זיינען פרעהליך און גליקליך. קיין וואונדער ניט, וואס זיי זינגען און געפינען זיך אין א געהויבענער שטימונג (געלעכטער), זיי זיינען אונטער א בלויהען הימעל. זיי געפינען זיך ניט אין סכנה מ'זאל זיי דער'הרג'ענען. זיי פיהלען זיך בטוח אונטער דער ענגלישער פאהן און אדמיניסטראציע. פינף און צוואנציג פראצענט פון זיי זיינען מענשען מיט אוניווערזיטעטס־בילדונג, פראפעסארען, דאקטוירים, אדוואקאטען — און דאך טוען זיי שווערע שאסעע־ארבייט, בויען וועגען און זיי זיינען גליקליך, ווייל זיי טוען די ארבייט וואס זייערע אבות פאר זיי האבען געטון. איך האב גערעדט צו איינעם פון זיי, א פראפעסאר פון פילאלאגיע. פארצושטעלען אט די דאזיגע מענשען אלס באלשעוויקעס הייסט פעלשען פאקטען. די גרעסטע שונאים, וואס דער ציוניזם האט אין רוסלאנד, זיינען די באלשעוויקעס; ציוניזם איז דארט אבסאלוט פארבאטען, און צו באַהויפטען, אז די אידען וואס קומען אריין אין פאלעסטינא זיינען אנטי־בריטיש און רעוואלוציאנעריש, איז איינער פון די גראבסטע שקרים, וואס קען געמאכט ווערען. די אידען קוקען אויף בריטאניע ווי אויף א שוץ פון זייערע צרות אין דער צוקונפט. פאלעסטינא איז

א לאנד, וואס לעכצט נאך ארבייט.

ס'איז ניטא קיין ארבייטער־איבערפלוס אין א"י און דא ניט לאנג האט מען געמוזט ברייגגען אסך ארבייטער פון עגיפטען, כדי דורכצופיהרען די באשריינקטע ארבייט וואס דארט איז דא. אויב עס וועלען ניט אריינקומען קיין מענשען, וואס זיינען גרייט צו בויען די וועגען און הייזער, צו טריקענען די זומפען צו בויען פאבריקען און צו קולטיווירען דעם באדען, וועט דאס לאנד קיינמאל ניט אנטוויקעלט ווערען. די אלע ארבייטען ווערען איצט דורכגעפיהרט דורך אידען לטובת פאלעס־טינא. דער אראבער וועט פון דעם געניסען פונקט ווי דער איד, און ער ווייסט עס. אין יפו האבען זיי קאאפעראטיווע פארבאנדען. איהר געפינט עס איבעראל. איך האב געזעהן אראבער און אידען ארבייטען צוזאמען. די אראבער געפינען אויס, אז די אידען פארדינען מעהר געלד ווי זיי, און פארגעסענדיג אויף דער רגע, אז די אידען זיינען זייערע כלומר'שטע שונאים, פרעגען זיי, ווי אזוי מ'טוט עס. די אידען

ערקלעהרען זייער קאאפעראטיווע סיסטעם און לאדען איין די אראבער זיך אנשליסען, און דער אראבער, וואס שליסט זיך אן, געווינט דערפון. איך בין ארומגעפאהרען איבער'ן גאנצען לאנד און איך האב אין ערגעץ ניט געזעהן קיין צענטערן פון אויפשטאנד און אונצופרידענ־הייט צווישען דער באפעלקערונג פון לאנד. איך זאג ניט, אז דארט זיינען ניטא עלעמענטען וואס העצען צו פאגראמען ווי די, וועלכע זיינען פארגעקומען. אבער איהר וועט געפינען אין די באריכטען, ווער די אנגרייפער זיינען געווען און וועלכע מענשען עס זיינען גע'הרג'עט גע־ווארען. ס'איז דא אן אלטע פאבעל וועגען א שעפס און וואלף. ס'איז א גאנץ אלטע געשיכטע, אין וועלכער איך דערמאן זיך ווען איך הער מאנכע פון די באשולדיגונגען וואס ווערען געמאכט געגען די אידען אין א"י. איין מאמענט זאגט מען, אז עס זיינען דא אזוי ווייניג אידען, אז זיי האבען קיין באדייטונג ניט. א צווייטען מאמענט דערציילט מען, אז עס זיינען דא אזוי פיל אידען, אז ס'איז א סכנה פאר דער באַ־פעלקערונג. דער אמת איז, אז דער איינציגער אידעאל פון די אידען איז הארציג צוזאמענארבייטען מיט דער אראבישער באפעלקערונג.

די קאנסטיטוציע פאר פאלעסטינא, וואס איז פאר־פאסט געווארען דורך דער רעגירונג, איז איינע פון די גרויסמוטיגסטע, און וויטגרייכענדסטע, וואס איז ווען פארגעלייגט געווארען.

אימיגראציע אין פאלעסטינא מוז באשריינקט ווערען נאר צוליב דעם איינעם פונדאמענטאלען פאקט — די עקאנאמישע פעהיגקייט פון לאנד אריינצונעמען די מענשען, וואס ווילען ארבייטען. עס וואלט זיין א פארברעכען ניט אריינצובריינגען אין לאנד מענשען, אויב מ'קען פאר זיי געפינען באשעפטיגונג, פונקט ווי דאס וואלט געווען א פאר־ברעכען אריינצובריינגען אימיגראנטען, אויב ס'איז פאר זיי ניטא קיין באשעפטיגונג. די פאליטיק פון דער בריטישער רעגיערונג, ווי עס איז אויסגעדריקט אין דער באלפור־דעקלעראציע, איז געווען אנ'ערנסטע און געזונטע פאליטיק. דאס הייסט, דאס בויען פון א גרויסען בריק צווישען מזרח און מערב, וואס איז א גרויסע אויפגאבע און פון גרויס וויכטיגקייט פאר דעם צוקונפטיגען שלום פון דער וועלט. מיר זעהען ווי דער תהום צווישען מזרח און מערב ווערט וואס אמאל טיעפער. מיר זעהען, אז דורך אינדיע און דורך פאלעסטינא האבען מיר איצט א מיטעל, וואס וועט זיין א פארבינדונג צווישען מזרח און מערב. די

אידען זיינען א מזרח־ראסע און דאך האבען זיי אין משך פון אסך הונדערטער יאהרען איינגעזאפט מערב־אידעען און אנשויאונגען און זיינען געווארען א מאכט, וואס פאראייניגט די גרויסע ציוויליזאציעס און קולטורען און פעלקער פון מערב און מזרח. דאס איז די גרויסע וויכטיגקייט פון דער דאזיגער פאליטיק פאר דער גאנצער וועלט און ניט בלויז א פראגע פון צאהלען. אין דער וועלט קומען צאהלען זעהר ווייניג אין באטראכט. די גרויסע וועלט נאציאנען זיינען ניט געווען גרויס מיט זייער באפעלקערונג. גריכענלאנד איז געווען א קליין לאנד און אטהען איז געווען א קליינע שטאדט, ניט אזוי גרויס אפילו ווי טשיקאגא, אבער אטהען האט אויפגעטהון פאר דער וועלט־קולטור מעהר ווי טשיקאגא וועט ווען עס איז אויפטהון. די אידען וועלען האבען א גרויסע מיסיע, גרויס ווי אין דער פארגאנגענהייט, אריינ־צוברייינגען דעם מערב אין מזרח און דעם מזרח אין מערב. אויפ'ן הר הזיתים איז פאראן א גרויסער בית הקברות, א גרויסער מיליטערישער בית־הקברות, וועלכער ליגט אויף זעהר א שענעם פלאץ. אויף דעם דאזיגען בית־הקברות זיינען פאראן אסך קברים פון בריטישע סאלדא־טען, אינדישע סאלדאטען און קברים פון אידישע סאלדאטען. זיי רוהען אין הארמאניע אין דער דאזיגער שענער אומגעבונג. זיי זיינען אלע געשטארבען פאר א געמיינזאמען ציעל. מיר טארען ניט באליידיגען דאס בלוט פון די טויטע. מיר טארען ניט פארשוועכען זייערע קברים. מיר קענען ניט אננעמען דעם קרבן און דערנאך זיך אפזאגען אויס־צופיהרען די זאך, פאר וועלכער זיי זיינען געשטארבען (אפלאדיסמענטען).

דר. וויצמאנ'ס רעדע.

עס בלייבט מיר זעהר ווייניג וואס מוסיף זיין צו סער אלפרעד מאנדס רעדע. ס'וואלט געווען פיל בעסער, אויב מיר וואלטען היינט געהאט די מגליכקייט צו רעדען וועגען קאלאניזאציאנס־פראגען אנשטאט צו פארנעמען זיך מיט פאלעמיק, וואס פיהרט צו גארנישט. צום גרויסען באדויערען איז פאר דער לעצטער צייט געשאפען געווארען א פאר־שטעלונג וועגען דער לאגע, וואס איז ווערט מען זאל זיך אויף איהר אפשטעלען.

א געוויינטליכער לעזער פון ענגלישע ציימונגען מיינט בפירוש, אז אין א״י עקזיסטירט איצט א אידישע מלוכה און אונטער דעם ווארט „מלוכה" פארשטעהט מען א מין פרייסישען רעזשים, וואס דערשטיקט יעדען מענשען, וועלכער געהערט ניט צו דער הערשענדער אויטאקראטיע. און אזא מלוכה, רעכענט דער געוויינליכער לעזער, ווערט געשטיצט דורך ענגלישע באיאנעטען, און אויסגעהאלטען פון ענגלישע שטייערן. דערצו נאך איז דאך יעדער איד א מורא׳דיגער באלשעוויק. און דאס ווארט באלשעוויק, דארפט איהר פארשטעהן, הייסט אין אונזערע צייטען פארשיידענע זאכען, און אנשטאט אויסטייטשען וואס איז די אמת׳ע לאגע אין א״י, קומט אונז אוים צו פארטיידיגען זיך קעגען די נארישסטע באשולדיגונגען.

ס׳איז קלאהר, אז די דאזיגע פארשטעלונג וועגען דער לאגע איז פאלש. עס עקזיסטירט ניט קיין שום אידישע מלוכה. דאס לאנד ווערט פארוואלטעט פון א ענגלישער אדמיניסטראציע, וואס הערשט איבער די פארשיידענע סעקציעס פון דער באפעלקערונג מיט יושר און גערעכטיגקייט, אונטער באדינגונגען וואס זיינען פארשיידען פון דעם בילד, וואס עס שטעלט זיך פאר דער געוויינליכער צייטונגס־לעזער. עס עקזיסטירט דארט א אידישע געמיינדע, וואס באמיהט זיך אין שווערע באדינגונגען, אין א שווערען לאנד און אין שווערע צייטען צו טוען א געוויסע ארבייט פאר דער אויפבויאונג פון דער אידישער נאציאנאלער היים אין דעם לאנד. דאס איז די איינציג ריכטיגע פאר־שטעלונג פון דער לאגע אין א״י.

ערלויבט מיר איצט אפשטעלען זיך אויף געוויסע פראבלעמען, וואס זיינען נוגע דער לאגע אין א״י, און קודם כל אויף דער פראגע פון אימיגראציע, וואס איז א ברענענדע פראגע. אהן אימיגראנטען קען ניט מעגליך זיין קיין נאציאנאלע היים, און א״י קען אויפהאלטען א גרויסע צאהל נייע איינוואנדערער, אויב דאס לאנד וועט זיין אנט־וויקעלט, און מ׳קען זיכער זאגען, די עקאנאמישע מעגליכקייטען ערלויבען אריינברענגען קיין א״י יעדען יאהר דריי מאל אזוי פיעל ווי די איצטיגע יעהרליכע אימיגראציע פון צעהן—צוועלף טויזענד א יאהר. די צאהל וועט אין א געוויסער מאס אנטשפרעכען די עקאנאמישע מעגליכ־קייטען פון דעם לאנד, נאך אלע פארבעסערונגען, וואס זיינען נויטיג אין א אבגעשטאנען לאנד. די דאזיגע גאנצע ארבייט און דאס

אריינבריינגען פון דער צאהל אימיגראנטען קען דורכגעפיהרט ווערען אזוי, אז די מינדעסטע רעכט פון די איינוואוינער פון א"י זאלען פון דעם ניט ליידען. איך האב די מעגליכקייט צו באהויפטען, אז איך נעם אויף זיך דיגאנצע פאראנטווארטליכקייט פאר די ווערטער, אז עד היום האבען מיר ניט ארויסגעשטופט קיין איינציגען אראבער פון א"י. אומעטום וואו די אידען האבען געארבייט, האבען זיי פארבעסערט דעם עקאנאמישען וואוילשטאנד פון די אראבער. איך זאג דאס ניט כדי צו פארטיידיגען זיך, דער פאקט איז קלאהר פאר יעדען טוריסט. יעדער עמיצער, וואס האט פארבראכט אין א"י און האט געזעהן די אראבישע דערפער ארום די קאלאניעס און האט זיי פארגלייכט מיט די דערפער פון די וייטע טיילען פון א"י, האט באמערקט דעם חילוק. די אראבער קאפירען שטענדיג די גוטע מעטאדען פון די אידישע קאלאניסטען, און דאס וואס פאסירט אין א"י איז א היפך דערפון, וואס ווערט דא דערציילט.

וויטער — א גרויסע צאהל פון אימיגראנטען זיינען לעצטענס אריינגעקומען אין לאנד. עס שטעלט זיך די פראגע, וואס פאר א מין אידען קענען קומען פון צענטראלער אייראפא — פון פוילען, רומעניען, גאליציען, אוקריינא א. ז. וו. וואס פאר א סארט אידען קענען קומען פון לענדער אהן געזעצען, אהן ארדנונג, אהן זיכערהייט. וואס פאר געדאנקען און וואס פאר ערציהונג קענען די דאזיגע אידען אריינברענגען קיין א"י? צי וועלען זיי זיין פאסענד פאר דער אויפבוי־ארבייט אין א"י? צי וועלען זיי פאסען צו א שווער לאנד און אין שווערע צייטען?

פאר אונז, וואס באשעפטיגען זיך מיט דער פראבלעם פון פאליטישער רעקאנסטרוקציע פון א"י, איז עס שטענדיג געווען א פונדאמענטאלע פראגע. מיר ווייסען גאנץ גוט, אז דאס אויפבויען איז שווער, און מיר גרייטען זיך ניט צו א לייכטען שפאציר צו דער ציעל. עס איז לייכטער אויפצובויען קאנאדא ווי אויפצובויען פאלעסטינא. און מיר האבען די גאנצע צייט געפרעגט, ווי אזוי וועלען די דאזיגע אידען אויסזעהן?

אויב איהר וואלט זיי געזעהן ביי דער ארבייט, וואלט איהר מיך פארשטאנען. איך מיין, אז איך קען די אידען, איך קום פון די זעלבע שיכטען ווי זיי (כ'זאג דאס, הגם איך ווייס, אז איך קען דערפאר באשולדיגט ווערען אין באלשעוויזם), און איך ווייס זייער גאנצען ארט

לעבען. און אויב איך וואלט געוואלט זיי באשרייבען . . . כ'וויל ניט ווירקען אויף אייערע געפיהלען, נאר איך האב געזעהן אידען, וועלכע האבען זיך דערשלעפט קיין א"י דורך כינא און וואס זענען דורכ־געגאנגען די שווערסטע וועגען. איך האב זיי געזעהן און איך ווייס, אז די איינציגע זאך וואס זיי ווילען איז — ארבייט. לויט די אפיציעלע באריכטען, ענגלישע און ניט־אידישע, זיינען 85 % פון די אימיגראנטען פעהיג פאר דער שווערסטער ארבייט און זיי טוען די ארבייט מיט פרייד. איך קען ניט פארשטעהן, פארוואס ווערען די דאזיגע אידען באשולדיגט אין באלשעוויזם. א שווארצארבייטער רופען אלע אנ־ארבייטס־מאן! נאר אנ'ארבייטער מיט א אוניווערזיטעטס־דיפלאם און וואס קען עטליכע שפראכען קען שוין ניט גערופען ווערען אנ'ארבייטער און ער ווערט געקרוינט מיט'ן נאמען באלשעוויק.

פארוואס, פרעגט מען, טוען די מענשען אזא ארבייט. איך מיין, אז די מענשען ווילען ניט שטענדיג ארבייטען אזוי ווי איצטער. נאר איצט פיהלען זיי דאס ערשטע מאל דעם „פעסטען באדען" אונטער זייערע פיס און זיי זיינען אנטציקט פון א אידעאל. זיי האבען געקענט פאהרען קיין אמעריקא אדער קיין ווייטשעפעל, נאר זיי זיינען גע־פאהרען קיין פאלעסטינא. און זיי דארפען דערפאר זיין געעהרט און ניט גערופען ווערען „אונגעווינשטע עלעמענטען". אויב איהר וועט זיך צוקוקען צו דער געשיכטע פון אויסטראליע און קאנאדא, וועט איהר זעהן, אז די לענדער זיינען אויפגעבויט ניט פון די איינוואוינער פון פארק־ליין. קיינער ערווארטעט ניט, אז ארץ־ישראל זאל אויפגעבויט ווערען פון גאנץ אנדערע עלעמענטען.

אין איין הינזיכט איז געשעהן א אינטערעסאנטע זאך. העכער פון 600 000 אידען האבען געדינט אין דער רוסישער ארמיי און אויך געבויט וועגען און שאסעען און אזוי האבען זיי זיך אויסגעלערנט די מלאכה. דאס איז איינע פון די קוריאזען פון דער אידישער געשיכטע.

דאס איז די לאגע בנוגע דער אימיגראציע. כ'האב שוין געזאגט, אז קיין איינציגער אראבער איז עד היום ניט ארויסגעשטופט געווארען פון זיינע פאזיציעס. איך קען ניט פארשטעהן, פארוואס זאלען מיר ווערען זיי ארויסשטופען. אויף די שטחים, וואס מיר פארמאגען שוין אין א"י, קענען מיר באזעצען 150 000 מענשען, אהן דעם, אז דאס קלענסטע שטיקעל באדען זאל געקויפט ווערען די נעכסטע עטליכע

יאהרען. פון וואנען נעמט זיך די דאזיגע לעגענדע וועגן „ארויסשטופען" ווייס איך ניט, נאר עס איז אזוי שווער צו קעמפען מיט אזעלכע לעגענדעס, באזונדערס ווען זיי זיינען נוגע אידען.

ערלויבט מיר איצטער עטליכע ווערטער וועגן דער באלפור־דעקלעראציע. איך מיין, אז זאגען אז די באלפור־דעקלעראציע איז געווען ניט קיין דורכגעטראכטער אקט, הייסט אונטערצושאצען און אפילו באליידיגען דעם מלוכה־מאן. עס איז ניט אמת: די דעקלאראציע איז ניט געווען אנ'איבעראיילטער אקט. דאס איז געווען א רעזולטאט פון א דורכגעטראכטער פאליטיק; און איך בין זיכער, אז אין דער צייט ווען די דעקלעראציע איז געגעבען געווארען, האבען די בריטישע רעגירונג און די בריטישע שטאאטס־לייט פאראויסגעזעהן אלע מעגליכע קאנסעקווענצען פון דעם אקט.

זיי האבען גאנץ גוט געוואוסט, וואס דאס הייסט, און זיי האבען די דאזיגע פאליטיק אנגענומען מיט אפענע אויגען. איך האב שטענדיג געגלויבט און איך גלויב נאך עד היום, אז עס עקזיסטירען שטארקע אלגעמיינע אינטערעסען צווישען דער בריטישער רעגירונג, וואס שטעלט מיט זיך פאר די בריטישע נאציע, און די אידן פון דער גאנצער וועלט, וועלכע ווילען געהן קיין א"י און אבגעבען זייער לעבען פאר דער אויפבויאונג פון דעם לאנד. די דאזיגע אינטערעסען זיינען ניט קיין מאטעריעלע. מען האט דערפאר ניט באקומען ניט קיין געלד, גיט קיין לענדער און ניט קיין נייע מאכט, נאר א זאך פון גרויסען מאראלישן ווערט, וואס איז באזירט אויף דער געשיכטע פון די אידען און פון די ענגלענדער. די נאציע, וועלכע וועט זיין א פאקטאר אין דעם דאזיגען אויפבויאונגס־ציעל, געווינט עטוואס, וואס איז ווערט מעהר פון א שטיק ערד. די סימפאטיען פון אידען, וואס זיינען צעזייט און צעשפרייט אין דער גאנצער וועלט און וואס לעבען און קעמפען כדי צו פארווירקליכען זייער אידעאל, איז א וויכטיגער פאקטאר אין דער פאליטיק.

ס'איז ניט אמת, אז וועלכער ס'איז איד אין 1917 אדער איצטער האט געטראכט וועגן אויפבויען א"י אויף בריטישע געלד. מיר זיינען צו גוט געלערענט און האבען צו פיעל ערפאהרונג, כדי קענען גלויבען אזא זאך. מיר האפען נאר אויף אונזערע אייגענע כחות.

זעהר א סך רעדט מען איצטער וועגן די קאסטען פון דער ארמיי אין א"י. ס'איז ניט איננאנצען אויפריכטיג רעכענען די גאנצע צוויי

מיט א האלבען מיליאנען אויפ'ן חשבון פון די ציוניסטען. איך מיין, אז דאס וואס געשעהט איצטער אין א"י איז נאר א טייל פון דער אלגעמיינער אומרוהה אויף דער וועלט. ס'איז ניטא קיין שום ציוניזם אין עגיפטען און דאך איז דארט ניט אלץ אין ארדנונג. עס איז ניטא קיין ציוניזם אין אינדיען און פונדעסטוועגען איז ניט אלץ אין ארדנונג דארט. אויב איהר וועט צונעמען דעם ציוניזם פון א"י, וועט עס זיין ניט א בעסערער גן־עדן פון אינדיען און עגיפטען. און איך וואלט אייך נאך אמאל געוואלט דערמאנען, אז ניט ערפילטע פארשפרעכונגען קענען קאסטען מעהר ווי א גארניזאן אין א"י. וואס גרעסער עס איז די אימפעריע, אלץ ווייניגער קען זי זיך ערלויבען ניט צו ערפילען איהרע התחיבות'ן. איך קען ניט גלויבען, אז דאס ענגלישע פאלק אדער די בריטישע רעגירונג זאלען קענען זיך ערלויבען אזא אקט.

רעדענדיג וועגן דער פינאנציעלער פראבלעם, ערלויבט מיר שוין אבשטעלען זיך אויף אנ'אנדערער זייט פון דער פראגע. מיר גיבען אויס אין א"י כמעט א מיליאן פונט א יאהר. דאס פארגרעסערט די ביישטייערונגס־מעגליכקייטען פון א"י און מיט א געוויסער צייט שפעטער וועט זיך דאס לאנד קענען באגעהן אהן די ענגלישע הוצאות. אפילו איצטער וואלט מען געקענט פארקלענערען די הוצאות אויף האלב, אויב מען וואלט נאר באזייטיגט די „פריינד", וואס רעדען איין די אראבער, אז זיי טארען ניט קאאפערירען מיט די אידען, און וואס טענען צו די אידען, אז זיי דארפען ניט קאאפערירען מיט די אראבער. אויב ס'וואלט ניט געווען אזוי פיל פאליטישע פאקטארען, וואס מאכען פאליטיק, וואלט איך אליין רעקאמאנדירט געדעסס'עם קאמיסיע מען זאל פארקלענערען די הוצאות אין א"י. און אפילו איצטער מיט א מינימום פון זיכערהייט אין לאנד און מיט א קליינעם גארניזאן וואלטען מיר געקענט געהן פאראויס און נעמען אויף זיך די ריזיקע.

עס קענען זיך געפינען אזעלכע פערזאנען, וואס וועלען טענ'ען, אז מיר האבען ניט וואס צו טהון אין א"י און אז מיר האבען ניט קיין שום רעכט אויפ'ן לאנד. עס איז ניט ריכטיג, אז ציוניזם האט זיך אנגעהויבען מיט דער באלפור־דעקלעראציע, ער האט זיך אנגעהויבען פון דעם מאמענט ווען רוים האט צושטערט די אידישע פאליטישע נאציאנאליטעט אין א"י. פון יענער צייט אן האט דער ציוניזם שטענדיג

עקזיסטירט. דאס איז דער שיקזאל פון די אידען און קיין כח אויף דער וועלט קען זיי ניט אראבפיהרען פון זייער היסטארישען וועג.

נאך אלעמען חזרט זיך איבער די אידישע געשיכטע. א ענליכע לאגע איז געוועזן אין די צייטען פון עזרא און נחמיה; נאר מיר האבען זי דאמאלט דורכגעלעבט און מיר וועלען זי אויך איצט דורכלעבען. איהר האט פאר זיך אנ'אלט פאלק, וואס באמיהט זיך צו לעזען א פראבלעם, וואס איז וויכטיג פאר דער גאנצער מענשהייט. איך גלויב ניט, אז אן אמת'ער שלום קען דערגרייכט ווערען אהן א פראבע צו לעזען די אידישע פראבלעם. מיר מאכען די פראבע און מיר מיינען, אז מיר פארדינען נאר די סימפאטיע פון אלע ארענטליכע מענשען. לארד ראבערט סעסיל האט דאן געזאגט, אז די איינציגע גרויסע זאך, וואס איז ארויס פון דער מלחמה, איז די אידישע נאציאנאלע היים. די היים וועט אויפגעבויט ווערען דורך אידישע כחות אלעמען צו גונסטען. די אידישע היים וועט קיינמאל ניט אויפגעבויט ווערען אויף דעם רוקען פון די אראבער, און קיין שום אראבישע היים וועט דארט ניט קענען אויפגעבויט ווערען אויף דעם אידישען רוקען. פונקט אזוי ווי אין שווייץ עקזיסטירען צוזאמען צוויי אדער אפילו דריי ציוויליזאציעס, פונקט אזוי ווי אין די אלטע צייטען האבען די אידען און די אראבער אין שלום געלעבט צוזאמען און געארבייט צוזאמען, אזוי וועלען זיי אויך איצט קענען אנטוויקלען דאס לאנד פאר דער טובה פון דער באפעלקערונג.

ד"ר. ד. ג. האגארטה, דירעקטאר פון דעם אשמאלעאן מוזעאום, האט געזאגט, אז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס אין דער פראגע הערשט אפשר א חלוקי דעות, האפט ער אבער, אז זיי וועלען זיך אלע אנשליסען און אויסדריקען א הארציגען דאנק צו די צוויי אויסגעצייכענטע אויטאריטעטען, וועלכע האבען אויף אזא פעהיגען אופן פארגעלייגט די ציוניסטישע זאך. ער אליין איז ניט קיין ציוניסט און ניט קיין אנטי-ציוניסט, נאר א פשוט'ער בירגער פון א נאציאן, וואס האט זיך מתחיב געווען אין דעם קריטישען מאמענט פון דער מלחמה, אז ענגלאנד איז געצוואונגען זיך צו באמיהען פארווירקליכען די ציוניסטישע שטרעבונגען אין פאלעסטינא דורך שאפען א אידישע נאציאנאלע היים. ער גלויבט,

אז די דאזיגע זאך איז אין הסכם מיט די שטרענגע תנאים פון דער באלפור־דעקלעראציע ניט צו פארלעצען די רעליגיעזע און ציווילע רעכט פון דער עקזיסטירענדער באפעלקערונג. די ציוניסטען ווייזען, אז זיי קענען פארווירקליכען זייער אידעאל דורך איינפאכע מיטלען. ער נעמט ניט אין באטראכט דאס, וואס מ׳קען אנרופען די אידישע זייט פון דער פראגע, צו איז אין זייערע אינטערעסען אדער ניט, צו ווערען א נאציע, ווייל ווי יעדער קען זעהן, הערשט א מיינונגס־פארשידענהייט צווישען אידען זעלבסט וועגען דעם; אבער ער איז זיך סומך נאר אויף דער אבליגאציע, דער פארפליכטונג, וואס איז געגעבען געווארען פאר א באמיהונג, וועלכע, ער גלויבט, וועט געקרוינט ווערען מיט ער־פאלג, אויב ס׳וועט נאר זיין א גענוג גוטער ווילען מצדביידע זייטען. סער אלפרעד מאנד האט ערקלערט, אז ער האט ניט בדעה צו רייזען אלס מיטגליד פון זיין מאיעסטעטס רעגירונג, אבער ער (דער רעדנער) גלויבט, אז מ׳קען דרינגען, אז זיין געהערן צום מיניסטעריום איז א גאראנטיע אז די באלפור־דעקלעראציע איז א נאציאנאלע התחיבות. אין דר. וויצמאן האבען זיי א נייעם שליח פון ציוניזם, א מאן, וועמענס ענטוזיאזם האט פיעל געהאלפען, אז די פראגע זאל ווערען פון גרויסער וויכטיגקייט. ער האט געהאט א העכסט אונמיטעלבארע ערפאהרונג אין דער שוועריגקייט פון פאלעסטינא־ווידעראויפבוי און פון שאפען דארט א אידישע נאציאנאלע היים. ער קען דאס לאנד און האט דאס רעכט צו רעדען וועגען דעם. בשעת סער אלפרעד מאנד איז אייגער פון דער פארהעלטניסמעסיג קליינער צאהל אידען פון א הויכען סאציאלען שטאנד, וועלכער האט גענומען אויף זיך די מיה צו פאהרען אין לאנד און אליין זעהן די פאקטען.

דער גייסטליכער רעווערענד ס. א. קוק, ד. ד. פראפעסאר פאר העברעאיש, האט אין זיין רעדע ערקלעהרט, אז ער איז ניט קיין ציוניסט, אבער ער סימפאטיזירט הארצליך מיט די שטרעבונגען פון דער באַ־וועגונג און איז זיכער, אז אלע האבען זיך צוגעהערט מיט דעם גרעסטען פארגעניגען און האבען פיעל געלערנט פון די צוויי רעדעס. זיי זיינען אלע אינטערעסירט אין פאלעסטינא, און ער אליין איז ספעציעל אינטע־רעסירט, הערענדיג דעם אידישען שטאנדפונקט וועגען דעם בריטישען מאנדאט. אין דער זעלבער צייט האט ער א געפיהל, אז ס׳איז פאראן א פארביטערונג פונ׳ם צד שכנגד, אז די אראבער זיינען באמת פאר־

ביטערט. אבער ער איז אויך איבערצייגט, אז אויב די האלטונג פון די אידען וועט זיין אינ'ם גייסט פון די רעדעס, וועלכע זיי האבען גע־הערט, דאן וועלען די טענות זיכער פארשווינדען. סער אלפרעד מאנד האט געצייגט א ליבעראלען גייסט און דאס איז דער מין טעמפעראמענט, וואס איז נויטיג כדי פטור צו ווערען פון דער אונרוהיגקייט, וואס הערשט צווישען די אראבער. אינ'ם בריטישען מאנדאט פאר פאלעס־טינא ליגט א גרויסע האפנונג פאר דער צוקונפט. ס'איז פאראן א גאראנטיע, אז א גערעכטע רעגירונג וועט דארט הערשען. מ'קוקט אלע ארוים אויף דער געלעגענהייט צו מאכען פארשונגען אינם הייליגען לאנד און ער איז זיכער, אז אונטער דער בריטישער פיהרערשאפט וועט מעגליך זיין א גרויסע אנטוויקלונג פון די נאציאנאלע אוצרות פון לאנד.

סער אלפרעד מאנד האט קורץ געענטפערט. קיינער ווייסט ניט בעסער, האט ער געזאגט, די מזרח־פראבלעמען ווי ד"ר. האגארט, וועלכער האט געווידמעט אסך פון זיין לעבען פאר אויסגראבונגען אינ'ם באהנטען מזרח, און וואס האט דער רעגירונג געהאלפען מיט זיינע דינסטען אין משך פון דער מלחמה. בנוגע דר. קוק'ס באמערקונג וואלט ער געוואלט אנווייזען, אז די לאקאלע שוועריגקייטען וואלטען סיי ווי סיי שטענדיג לייכט געקענט פארקומען און אז אלע געמיינדען זיינען שטענדיג עלול צו מאנכע רייבונגען, אבער ווען ס'איז פאראן א וואונש צו קומען צו אנ'אויסגלייך, דאן וועט דער אויסגלייך פאר־ווירקליכט ווערען.